בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געזעצט אויף אידיש

ס"ג בהעלותך
מאמר א' ומאמר ב'

יו"ל בהעלותך תשפ"ג



**לזכר נשמת**

**אדונינו מורינו ורבינו קדוש ישראל ותפארתו,**

**רבינו הפני מנחם זצוקללה"ה**

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

**"גחלי אש"**

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש

מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א

בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש

באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש

אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש

מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה

בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8

באר"י - 037680292

אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות

יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע

kolmenachem12@gmail.com

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**שטייט** אין מדרש (ב"ר סד, ח) **רבנן אמרי חמש בארות חפר אבינו יצחק בבאר שבע, כנגד חמשה ספרי תורה,** און דער מדרש רעכנט אויס יעדער 'באר' אנטקעגען וועלכע 'ספר' זי איז מרומז אין די 'תורה', און די לעצטע באר ווערט אנגערופען 'שבעה' (תולדות כ, לג) אנטקעגען ספר וידבר [וואס דאס מיינט חומש במדבר, ווייל ספר 'במדבר' ווערט אזוי אנגערופען אין מדרש (ועי' רש"י סוטה לו:)] - **'שהוא משלים שבעה ספרי תורה',** פרעגט דער מדרש **'הלא חמשה הן',** ענטפערט דער מדרש אז ספר במדבר איז דריי ספרים, פון אנהייב במדבר ביז דער פרשה פון ויהי בנסוע הארון איז א באזונדער ספר פאר זיך, די פרשה פון ויהי בנסוע איז נאך א ספר, און פון נאך ויהי בנסוע הארון ביז סוף ספר איך נאך א ספר (עי' שבת קטז.).

**דארף** מען פארשטיין דאס וואס חז"ל זאגען אז חומש במדבר איז 'משלים שבעה ספרי תורה', לכאורה ספר דברים - 'משנה תורה' איז דאך די לעצטע ספר וואס איז משלים אז ס'זאל זיין זיבען ספרי תורה [און אזוי אויך דארף מען פארשטיין פארוואס איז פארענדערט געווארען ספר במדבר וואס דאס ווערט גערעכנט אלץ דער ספר וואס איז משלים צו די נומער זיבען, מער וויא פון די אנדערע ספרים וואס זענען אויך משלים צו די נומער זיבען]. דער **יפה תואר** געבט דאס צו פארשטיין אויף צוויי אופנים, א. אז דערפאר הייסט חומש במדבר מער דער משלים וויא פון אלע אנדערע ספרים, וויבאלד אז אלע אנדערע ספרים זענען נאר משלים מיט איין חלק, און ספר במדבר איז משלים מיט דריי חלקים [אבער מ'דארף דאס נאך אלץ פארשטיין, ווייל גאנץ רעכט אויב חומש במדבר וואלט געווען פיהר חלקים וואס דאס איז רוב פון די זיבען ספרים, אבער אויב ספר במדבר ווערט גערעכנט נאר אלץ דריי ספרים, איז פארוואס הייסט דאס אז דאס איז משלים די זיבען ספרי תורה]. ב. חומש במדבר ווערט געטיילט אויף דריי חלקים כדי משלים צו זיין צו די צאהל פון זיבען

ספרים וואס איז אנטקעגען 'חָצְבָה עמודיה שבעה' (משלי ט, א), אזוי וויא עס שטייט אין די גמרא (שבת שם) אז זיי זענען אנטקעגען די זיבען ספרי תורה [לכאורה זענען זיינע ווערטער א חידוש, ווייל עס איז נישט דא קיין הוכחה פונעם פסוק 'חצבה עמודיה שבעה' און פון די דרשה פון די גמרא דארטען - אז די אפטיילונג איז געווען כדי אז ס'זאל זיין א צאהל פון זיבען חומשים, נאר עס איז געווען א סיבה פארוואס מען זאל צוטיילען די חומשים, און דער צאהל איז זיבען].

**און** על דרך העבודה קען מען זאגען פשט לויט דאס וואס שטייט אין די גמרא (שבת פח:-פט.) אז בשעת ווען משה רבינו איז ארויף געגאנגען אין הימעל צו באקומען די תורה, האבען די מלאכי השרת געזאגט צום אייבערשטען, רבש"ע '**תנה הודך על השמים**', וואס דארף מען פארפאטשקען דער תורה אין דעם נידריגע און געמיינער וועלט, האט זיי משה רבינו ע"ה געענפערט, אז עס איז גאנץ מעגליך אז עטץ זענט גערעכט אז די תורה אויבען אין הימעל איז געהיטען וויא עס דארף צו זיין, און עס ליגט גוט באהאלטען אין א שאנק, און זי איז ריין בטהרה, אבער דער שלימות פון די תורה איז דייקא ווען מען גיבט איהר איבער פאר א ילוד אשה, ווייל ענק מלאכים - כלום קנאה יש ביניכם?! יצר הרע יש ביניכם?! **די שלימות פון די תורה איז דייקא ווען עס איז דא די כח וואס איז א קעגנער צו די קיום התורה** - די קנאה מיט די יצר הרע און אלע אנדערע שלעכטע תאוות, און דער מענטש וואס איז זיך מתגבר אויף זיי, און ער היט די מצוות און די תורה און ער טוהט די רצון ה', דאס איז די ציהל און די תכלית פונעם תורה, און נאר אזוי נאך איז דא די שלימות פונעם תורה.

**און** טאקע אין חומש במדבר - מער וויא אלע אנדערע חומשים, ווערט פארגעשטעלט דעם ענין פון די נסיונות היצר - וואס דורך זיי ווערט די השלמה פונעם תורה, ווייל אין חומש במדבר שטייט די צעהן נסיונות וואס זענען געווען אינעם מדבר, די שטרויכלונגען און די נפילות וואס די יודען האבען געהאט זייענדיג אין מדבר, און דעריבער ווערט אנגערופען

ספר במדבר דער ספר וואס איז משלים די תורה. און איבער הויפט, איז פרשת בהעלותך דער פרשה וואס איז דאס משלים, ווייל די פרשה פון 'ויהי בנסוע' שטייט דא געשריבען כדי אפצוטיילען צווישען איין פורענות צו די אנדערע פורענות (שבת קטז.), און דאס קומט אונז אויס לערנען אז געוויס טאקע אז עס איז פאראנען 'פורענות' און 'נסיונות' וואס נעמען ארום דאס מענטש פון אלע זייטען, אבער דער וועג וויא אזוי מען קען ביישטיין די נסיונות און זיך מתגבר זיין אויף זיי, איז דייקא מיט'ן כח התורה - ויהי בנסוע הארון, אינדעם קען מען זיך אנכאפען. און דאס ווערט מרומז אין זוה"ק (ח"ג שב:) וואס זאגט אז דאס וואס שטייט אין פסוק 'ויקרא אותה שבעה', איז אנטקעגען די שבעה ענבים וואס האבען ארום גענומען די יודישע קינדער ווען זיי זענען געווען אין מדבר, ד. ה. אז דאס האט געגעבען די כח זיך צו באשיצען פון אלע סארט נסיונות מיט שטרויכלונגען, און דאס ווערט געשילדערט אין חומש במדבר, און איבער הויפט אין פרשת בהעלותך.

**און** וואו באוואוסט איז דאך די הליכת בני ישראל אין מדבר א 'בנין אב' אויף אלע דורות, אין דעם פריוואטען 'מדבר' פון יעדער יוד וואס ער גייט אריבער אין זיין לעבען, ווייל יעדער איינער און איינער האט דאך שווערע נסיונות און שטרויכלונגען אין זיין פריוואטען 'מדבר' פון זיין לעבען, נישט שטענדיג איז קלאר און לעכטיג, און נישט שטענדיג האט דער מענטש די ריכטיגע געפיהלען זיך צו פארמעסטען מיט די שוועריקייטען. אבער דורך די תורה קען מען זיך מתגבר זיין אויף אלע שטרויכלונגען, ווייל דורכ'ן תורה ווייסט דער מענטש וויא אזוי צו לעבען אויף די וועלט - לעבן רעכטיג, זיך אויפהייבען פון איבער אלע נסיונות און זעך דערהייבען איבער אלע נסיונות.

**שטייט** אין פסוק (י, כא) 'ונסעו הקהתים נושאי המקדש', שטעלען זיך די מפרשים און פרעגען אז פארוואס ביי גרשון און מררי שטייט 'בני', און ביי קהת שטייט נישט 'בני' נאר 'הקהתים'. און מ'קען מפרש זיין דעם לשון פונעם פסוק לויט די באוואוסטע ווערטער פונעם רמב"ם (סוף הל' שמו"י) וואס שרייבט 'ולא שבט לוי בלבד, אלא

**כל איש ואיש מכל באי העולם אשר נדבה רוחו אותו והבינו מדעו להבדל לעמוד לפני ה' לשרתו ולעובדו לדעה את ה' והלך ישר כמו שעשהו האלקים, ופרק מעל צווארו עול החשבונות הרבים אשר בקשו בני האדם, הרי זה נתקדש קודש קדשים, ויהיה ה' חלקו ונחלתו לעולם ולעולמי עולמים'**. און ער מיינט נישט צו זאגען אז דאס איז געזאגט געווארען נאר פאר אזעלעכע וואס געבען אוועק זייער גאנצע לעבען פאר תורה און עבודה, נאר ער מיינט אויך פאר אזעלעכע וואס האבען 'רחיים על צווארו', און זענען באשעפטיגט על המחיה ועל הכלכלה, און זיי זענען נישט אין די מדריגה פון 'לפרוק מעל צווארו עול חשבונות הרבים', **אבער פונדעסטוועגען האט יעדער איינער דער כח זיך אנצוכאפען אינדעם כח פון קהת און זיין פון די נושאי הארון - זעך אנכאפען אין די כח פון די ארון**, און דאס איז נישט געזאגט געווארען נאר פאר 'בני קהת' - די קינדער און אייניקלעך פון קהת, נאר יעדער איינער און איינער פון די יודישע קינדער קען נכלל ווערען אין 'הקהתים'.

**יעדער** איינער אין זיינער נסיונות קען דורכ'ן ארון - די כח התורה, זיך **דערהייבען איבער אלע שוועריקייטען און פארשטעלעכצער**, און אזוי וויא מיר האבען שוין געטייטשט (ליש"ק נשא ערב שבועות מאמר ג) וואס חז"ל זאגען (סוטה לה.) אז די ארון איז געווען **'נושא את נושאיו'**, צו דען האט די תורה נישט פארגינט טירחא דמצוה, געבען שכר פסיעות מ'זאל קענען האבען א מיה אין די מצוה?! אדרבה ס'וואלט געפאסט צו געבען פאר די בני קהת אז זיי זאל'ן זיך מיטשען און באקומען דערפאר שכר. נאר דאס באדייט פון **'ארון נושא את נושאיו'** מיינט, אז אויף די וועלט דארף מען האבען דעם כח זיך צודערהייבען, כח ההתרוממות, אז דער מענטש זאל זיך אויפהייבען און דערהייבען איבער'ן וועלט, און דאס איז נאר דורך די תורה - די ארון. און דאס איז וואס שטייט ביי די תנופת הלוים (ח, יא) **'והניף אהרן את הלוים תנופה לפני ה' וגו' לעבוד את עבודת ה'"** [און נאר אין די המשך (פסוק יט) שטייט 'לעבוד את עבודת בני ישראל'], ווייל אויף צו דינען דעם אייבערשטען דארף מען האבען א 'תנופה' - זיך אויפהייבען

און דערהויבען ווערען א טפח מעל הקרקע. און דאס איז נישט נאר געזאגט געווארען בלויז פאר די בני לוי, נאר פאר יעדער יוד וואס מאכט א חשבון און געדענקט אין הארץ וואס איז זיין שטרעבונג און מטרה אויף וואס ער איז אראפ געקומען דא אויף די וועלט, וואס פאדערט מען פון איהם אויף ווען ער איז דא אויף די וועלט, און וויא אזוי דארף ער דא לעבען, נאך אזיין חשבון האט ער דאס מעגליכקייט זיך צו דערהייבען איבער'ן ארציות, אזוי וויא די תנופה פון די בני לוי.

**און** דאס איז די טיפע זינען אין די ווערטער פון חז"ל (שבת צד.) **'חי נושא את עצמו'**, וואס דאס מיינט אז יעדער לעבעדיגע מענטש האט די כח זיך צו טראגען און זיך אויפהייבען איבער אלע פארשטעלעכצער און שוועריקייטען, זיך דערהייבען א טפח מעל גבי הקרקע, איבער אלע נסיונות און שוועריקייטען, און דער חיות זאל זיין פון די תורה.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה אזוי וויא עס דארף צו זיין, לעבן מיט די תורה, און פארשטיין מיט א

וויסענשאפט אז די גאנצע וועלט איז נישט מער וויא א 'פרוזדור' פאר די 'טרקלין', עס איז נאר א וועג צו עולם הבא, און גוט אדורך לעבן דער וועלט.

### ס"ג מאמר ב

**מיר** טרעפען אין דעם ספר הקדוש **קדושת לוי** אין אונזער פרשה א נפלא'דיגע זאך [און נאר צו דערמאנען דעם נאמען פונעם הייליגען בארדיטשוב זי"ע איז א גרויסע זאך, זכותו תגן עלינו]. שטייט אין פסוק אז די יודען האבען געטנה'ט (יא, ד-ה) 'מי יאכילנו בשר, זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם את הקשואים ואת האבטיחים ואת החציר ואת הבצלים ואת השומים', לכאורה איז שווער צו פארשטיין, ווייל לאו רישא סיפא, און וואס פאר א שייכות האט דאס וואס שטייט אין פסוק **'זכרנו את הדגה'** וגו' צו דאס וואס זיי האבען געפרעגט **'מי יאכילנו בשר'**.

**געבט** דער קדושת לוי צו פארשטיין, אז אט זאגען חז"ל (יומא עה. שמו"ר כה, ג) אז אין דער 'מן' האט מען געשפירט

אלע טעמים פון דער וועלט וואס מען האט נאר געוואלט, און דערפאר ביי די זאכען וואס זיי האבען געוואוסט וואס פאר א טעם זיי האבען, אזוי וואו: הדגה, הקשואים, האבטיחים, החציר, הבצלים, והשומים, האבען זיי געצויגען דער טעם במחשבה און האבען דאס געשפירט ווען זיי האבען געגעסען דער 'מן' [און דער סיבה פארוואס זיי האבען נאך אלץ געהאט טענות, איז ווייל זיי האבען נאר געשפירט דער טעם אבער נישט דער ממשות (עי' יומא עה.), און אזוי אויך האבען זיי נישט געזעהן מיט זייערע אויגען דעם מאכל], אבער דאס אלעס איז נאר געווען אין אזיין סארט מאכל וואס זיי האבען שוין אמאהל געשפירט דעם טעם דערין, אבער אין א מאכל וואס זיי האבען נאך קיינמאהל נישט געשפירט קיין טעם דערין, איז וואו אזוי האבען זיי געקענט ציהען דער סארט טעם אין דער 'מן' [עס שטייט אראפ געברענגט פונעם חידושי הרי"מ זי"ע, אז וויבאלד יעדער איינער האט געקענט שפירען אין דער 'מן' וועלכע טעם ער האט נאר געוואלט, איז וואו אזוי האבען זיי געקענט מקיים זיין דער מצוה פון

גמילות חסדים אין מדבר?! זאגט ער אז א 'עשיר' האט אויסגעלערנט פאר'ן 'עני' דער טעם פון די פארשידענע סארט גוטע מאכלים (ראה חי' הרי"מ פר' בשלח). אבער פונעם קדושת לוי ווייזט אויס אז מען קען נישט אויסלערנען פאר א צווייטען א טעם וואס ער האט קיינמאהל נישט פארזיכט, און אין אמת'ן אריין דארף מען טאקע פארשטיין וואו אזוי קען מען אויסלערנען פאר א צווייטען א טעם].

**שרייבט** דער קדושת לוי, אז דער טעם פון כשר'ע פלייש, ד. ה. פלייש וואס מען האט געשחט'ן און געזאלצען אזוי וויא עס דארף צו זיין, האט א אנדערען טעם פון פלייש וואס מען האט נישט געשחט'ן און געזאלצען. און ער מיינט נישט אז כשר'ע פלייש וואס מען זאלצט איהר האט א אנדערען טעם וויבאלד אז דער זאלץ געבט צו א טעם צום פלייש, ווייל אויך גויים וואס זענען נישט באפוילען געווארען צו זאלצען דעם פלייש מטעם מליחה, זאלצען זייערע פלייש, און עס שטייט א פסוק (איוב ו, ו) 'הֲיֵאָכֵל תָּפֵל מבלי מלח', איז געוויס זיכער אז דאס וואס מען שח'ט א בהמה טוישט נישט דעם

גשמיות'דיגען טעם פונעם פלייש, נאר ער מיינט צו זאגען אז פלייש וואס מען שח'ט, האט א רוחניות'דיגע טעם וואס דער מצוה פון שחיטה לייגט אריין אין דעם מאכל. און אט טרעפט מען אז אויב איינער עסט א דבר איסור בשוגג, און שפעטער ווערט ער געוואר אז ס'איז געווען א דבר איסור, זאגט דער גמרא אין בבלי (בכורות לז.) אז ס'דא אזעלעכע סארט איסורים וואס 'נפשו של אדם קצה מהן', און דער הנאה דערפון ווערט קאליע למפרע, דער ירושלמי (תרומות פ"ו ה"ב) שרייבט דער לשון 'נפשו של אדם חותה מהן', זעהט מען פון דעם, אז אויך איינער וואס האט שוין געגעסען עפעס א געוויסע מאכל, און ער האט שוין געשפירט דערין א טעם, איז ווען ער ווערט געוואהר אז ער האט געגעסען א מאכל פון איסור, איז פלוצלינג טוישט זיך דער טעם למפרע. און דא איז דער קדושת לוי מחדש אז דער טעם אין פלייש וואס מען האט געשחט'ן און געזאלצען אזוי וויא עס דארף צו זיין, האט א אנדערע טעם.

**און** וויבאלד אז אין מצרים האט מען געגעסען פלייש אן קיין שום מצוה, אן קיין שחיטה און אן קיין מליחה [ווייל מ'האט זיי נאר באפוילען אז זיי מעגען נישט עסען קיין אבר מן החי, און עס איז גענוג אז מען מאכט נחירה כדי ס'זאל שוין נישט הייסען קיין אבר מן החי], און זיי האבען נאר געוויסט פון דעם סארט טעם, דעריבער נאך מתן תורה ווען מען איז באפוילען געווארען מיט די מצוה פון שחיטה און מליחה, האבען זיי נישט געוויסט וויא אזוי ממשיך צו זיין אין דער 'מן' די טעם פון כשר'ע פלייש. און דאס איז וואס זיי האבען געזאגט '**מי יאכילנו בשר**', כדי מען זאל קענען שפירען די טעם אין דער 'מן', '**זכרנו את הדגה**' וגו', דער טעם פון א פיש א.ד.ג. קענען מיר פארזיכען אין דעם 'מן', אבער דער טעם פון פלייש - בשר, קענען מיר נישט שפירען. ע"כ דבה"ק.

**דער** וואס קלערט אריין אין די הייליגע ווערטער זיינע וואס זענען וואונדערבאר פאר דער וואס פארשטייט, וועט האבען די פארשטאנד צו פארשטיין די הויכע השגות פונעם קדושת לוי, און די ווערטער זיינע

ערוועקט די מענטש אז ער זאל מאכען פאר זיך א חשבון הנפש, ווייל צו דען ווען מיר עסען פלייש שפירען מיר די טעם פונעם מצוה וואס איז געמאכט געווארען אין איהר?! צו דען איז דא צווישען אונז איינער וואס שפירט בכלל אז אין די פלייש וואס ער עסט האט מען מקיים געווען א מצוה פון שחיטה און מליחה?! מיר שפירען דאך דעם גשמיות'דיגען טעם פונעם פלייש, און גארנישט מער פון דעם.

**ווען** מיר לערנען זיינע הייליגע ווערטער, דארף מען כאפען א גוטע קניפ אין הארץ, און זעהן וויפיהל מיר זענען עולם הזה'דיג, אזוי ווייט אז מיר קענען בכלל נישט שפירען דער טעם פונעם מצוה וואס איז געמאכט געווארען אינעם פלייש, ווייל אונזערע געדאנקען און מחשבות שפירען נאר די גשמיות'דיגע טעם, ווייל ס'איז אומעגליך צו שפירען צוזאמען אויף איינמאהל - אויך די גשמיות'דיגען טעם און אויך די רוחניות'דיגען טעם, ווייל ס'איז נישט שייך אז דער מענטש זאל גלוסטען צו שפירען א גשמיות'דיגען טעם אינעם פלייש, און צוזאמען מיט דעם זאל ער אויך גלוסטען צו שפירען דעם רוחניות'דיגען טעם וואס דער אייבערשטער האט אונז באפוילען צו שחט'ן און צו זאלצען, דאס איז א אומעגליכער זאך.

**אינעם** ספר **תפארת עוזיאל** [וואס האט מחבר געווען הגה"ק רבי עוזיאל מייזליש זי"ע פון די תלמידים פונעם גרויסען מגיד פון מעזריטש זי"ע] שטעלט ער זיך אויפ'ן פסוק וואס שטייט (יא, ח) 'שָׁטוּ העם ולקטו וטחנו ברחים או דכו במדוכה ובשלו בפרור ועשו אותו עוגות והיה טעמו כטעם לשד השמן', וואס איז די מעלה וואס דער פסוק לויבט דער 'מן' מיט דעם שבח אז איהר טעם איז געווען 'כטעם לשד השמן', מ'האט דאך געקענט שפירען אינעם 'מן' אלע טעמים שבעולם - יעדער איינער האט געשפירט לויט וואס ער האט געטראכט און אינזענען געהאט, און דא איז משמע אז אלע האבען געשפירט דעם זעלבען טעם.

**געבט** דער תפארת עוזיאל צו פארשטיין [בתוספת דברים להבנת דבריו] אז אט האט מען זיי געגעבען די 'מן' כדי זיי זאלען קענען דינען

דעם אייבערשטען און לערנען תורה אן קיין שום אפהאלט און טדרות, און אזוי וויא חז"ל זאגען (מכילתא פר' בשלח) '**לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן**', און אויב אזוי דארף מען צו פארשטיין, ס'שטייט דאך אין תוס' (כתובות קד. ד"ה לא) 'דאמרינן במדרש **עד שאדם מתפלל שיכנס תורה לתוך גופו יתפלל שלא יכנסו מעדנים לתוך גופו**' (ועי' תדבא"ר פכ"ו), אויב אזוי וואס איז די מעלה דערין וואס מען שפירט אינעם 'מן' אלע טעמים שבעולם, צו דען דווקא דער דור המדבר די מקבלי התורה האבען מען געדארפען צו געבן אלע מעדנים שבעולם, ס'איז דאך פאר זיי גענוג צו שפירען די טעם פון 'פת במלח'. נאר דער שורש פונעם 'מן' איז א מזון רוחני, אזוי וויא ס'שטייט אין חז"ל (יומא עה:) אז דער 'מן' איז '**לחם שמלאכי השרת אוכלין אותו**', דער 'מן' איז א שפייז וואס דער נפש ווערט געשפייזט פון איהר, און אלע די טעמים וואס מען האט געשפירט אינעם 'מן', זענען געווען רוחניות'דיגע טעמים, און אזוי וויא ס'שטייט אינעם קדושת לוי אז זיי האבען געשפירט אינעם שפייז טעמים פון א מצוה, און יעדער מאכל האט באקומען א ספּעציעלע טעם לויט'ן די מצוות וואס מ'טוהט אין איהר א.ד.ג.. און די אלע וואס האבען נאר געגעסען אלץ היכי תמצי כדי מקיים צו זיין מצות ה', און אפילו שחיטה איז נאר א רשות, אזוי וויא ס'שטייט אין די פוסקים אז ס'איז נישט דא קיין מצוה צו שחט'ן, נאר אויב דער מענטש וויל עסען האט ער מצוה צו שחט'ן, און זיי האבען געוואלט פארזיכען א טעם בשר, כדי אויך מקיים זיין די מצוה, ווייל אויך אזיין מצוה וואס ס'איז נאר א 'מצוה קיומית' און נישט קיין 'מצוה חיובית' געבט א טעם.

**און** דער **תפארת עוזיאל** ערקלערט מער, אז די אלע טעמים וואס מ'האט פארזיכט אינעם 'מן', האבען געשפירט נאר די גרויסע צדיקים וואס זייערע גאנצער ציהל איז צו דינען דעם אייבערשטען באמת, און זיי האבען געגעסען דעם 'מן' אזוי וויא ס'איז אראפ פון הימעל, און זיי האבען נישט געמאכט אינעם 'מן' קיין שום ענדערונג, זיי האבען דאס נישט געמאהלט אין א מיהל א.ד.ג., ווייל זיי האבען נישט געוואלט זיין באשעפטיגט אין הבלי

הזמן, זיי און נאר זיי האבען געשפירט אינעם 'מן' אלע טעמים שבעולם. אבער די פאלק - 'העם' וואס זיי זענען אין א נידריגען מדרגה [און ער טייטשט די ווארט 'שטו' העם, פון לשון 'שטות'], וואס זיי האבען געטוהן מיט'ן 'מן' אלע ערליי פעולות - שטו, לקטו, טחנו, דכו, בשלו ואפו, זיי האבען נישט געשפירט אינעם 'מן' אלע טעמים, נאר זיי האבען געשפירט **'טעמו כטעם לשד השמן'** [ווייל דער אייבערשטער דער אב הרחמן זארגט פאר אלע זיינע קינדער, און ער געבט זיי זייער חלק אין עוה"ז, אז זיי זאלען אויך שפירען א גיטען טעם אינעם 'מן'] (ועי' זוה"ק בשלח סב:-סג.). ע"כ תוכן דבה"ק. און זיינע ווערטער זענען די צווייטע זייט פונעם מטבע פונעם קדושת לוי - אז די אנשי מעלה האבען געוויס געוואלט שפירען טעמא דמצוה, און דאס האבען זיי נישט געקענט שפירען כל זמן וואס זיי האבען נאכנישט געשפירט דעם פיזישען טעם.

**פון** זיינע הייליגע ווערטער דארפען מיר זיך אפלערנען, אז טראצדעם וואס מיר זענען נישט אין די מדריגה צו שפירען טעמא דמצוה אין גשמיות'דיגע מאכלים אזוי וויא אויבען דערמאנט, **אבער מיר זענען דאך מקיים יעדען טאג און טאג אסאך מצוות, לאמיר זיי מקיים זיין מיט חביבות און חיות, מתוך השתוקקות און שמחה, ווייל דאס איז די אמת'דיגע לעבען** - **קיום תורה ומצוות**, און נאר דערפאר וואס מיר לעבען אין א מגושם'דיגע וועלט, פארבלענדען אונז די אויגען די טעמים פון פלייש און די אנדערע תאוות עולם הזה, ווייל ווען די 'כלי הטעם' זענען מגושם, קען מען נישט שפירען א רוחניות'דיגע טעם, און עס זעהט אונז אויס אלץ א 'עול על צווארינו', אבער מיר דארפען וויסען אז די אמת'דיגע טעם איז פון די קיום המצוות. און מיר דארפען מער אריינקלערען דערין, אז **דער מהות פון א מצוה איז 'דביקות' אינעם רבונו של עולם**, און אזוי וויא ס'שטייט אין ספה"ק אז 'מצוה' איז פונעם לשון צוזאמענשאפט - צוותא וחיבור (עי' שלה"ק מס' יומא דרך חיים אות טז), ווייל די תרי"ג מצוות זענען תרי"ג עצות און וועגען וויא אזוי זיך צו באהעפטען און זיך אנבינדען צום אייבערשטען (עי' זוה"ק ח"ב פב: ורמב"ם סוף הל' תמורה),

תרי"ג באהעפטונגען - סיי מיט די 'מצוות לא תעשה' און סיי מיט די 'מצוות עשה' - וואס דורך זיי קען מען אנערקענען דעם אייבערשטען אין די מגושם'דיגע עולם הזה וואס איז פרעמד און קאלט צו דברי קדושה.

**און** אויפדעם דארף מען ארבעטען און זיך מיטשען, צו האבען די ריכטיגע חוש הטעם אין תורה און אין מצוות, און איבער הויפט דארף מען געדענקען אז ס'איז דא א רבונו של עולם, געדענקען פון איהם, און וועלען זיך דערנענטערן צו איהם, און זיך מתדבק זיין צו איהם, און דער וועג וויא אזוי מען דערנענטערט זיך צו איהם איז דורך די מצוות, און פונדעם ווערען ערוועקט זיי מקיים צו זיין מתוך שמחה און חביבות, און מתוך א רצון זיך צו באהעפטען און ווערען צוגעבינדען צום אייבערשטען, און שפירען א טעם און א מתיקות אין א מצוה.

**ס'דא** א מאהל אז א מענטש טראכט צו זיך און קלערט הלואי ווען מיר וואלטען זוכה געווען צום 'מן' - לחם שמלאכי השרת אוכלין אותו, אבער אונז לויט אונזער נידריגען מדריגה, ווען מיר טראכטען וועגען די 'מן' טראכטען מיר גלייך וועגן אלע תענוגי עולם הזה, און מיר דארפען וויסען אז פאר אזעלעכע מענטשען איז דער טעם פון דער 'מן' געווען 'כטעם לשד השמן', און דאס וואס מ'האט געקענט שפירען אינדעם אלע טעמים שבעולם, ווייל ס'איז ביסודו א שפע רוחני, וואס האט זיך משתלשל געווען אין א גשמיות'דיע פארעם, און וויא געוויס אין א רוחניות'דע טעם קען יעדער איינער און איינער שפירען לויט זיינע שטרעבונגען, לויט זיינע רצונות און לויט זיין דרגה, און צוויי מענטשען שפירען נישט די זעלבע געפיהל, ווייל יעדער איינער האט א אנדערע נשמה, און א אנדערע וועג וויא אזוי זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטען, און צוליב דעם איז די 'מן' געטיילט געווארען אין עטליכע טעמים, ווייל יעדער איינער האט זיין הרגשת הנפש, און זיינע רוחניות'דיגע כוחות [און אלץ תוצאה פון די ענדערונג פון יעדער איינער אין רוחניות, איז ממילא געווארען א ענדערונג אינעם גשמיות'דיגע טעם, אז יעדער איינער האט געשפירט וועלעכע טעם ער האט נאר געוואלט, אבער דער

שורש איז אין די רוחניות'דיגע טעם (עי' פר' תרומה תשע"ב - עבד"ד ח"ב עמ' צו בהערה, וע"ע שפ"א לקוטים סו"פ בשלח)]. און דעריבער איז די תורה נישט געגעבען געווארען נאר פאר די 'אוכלי המן', פאר די וואס האבען אן אנדער'ן געפיהל, וואס גלוסטען צו מזון רוחני, און זייער עסען איז אויפ'ן ריכטיגען אופן, פאר זיי איז געגעבען געווארען די תורה, ווייל זיי זענען מקיים תורה און מצוות אויף אן העכער'ן אופן. און אויף דעם סארט געפיהל צו שפירען די רוחניות'דיגע טעם, און דער וועג זיך צו דערנענטער'ן צום אייבערשטען, דארפען מיר גלוסטען, זיך מיטשען און פלאגען.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאלען זוכה זיין אז מיר זאלען האבען עפעס א שייכות צו זיינע הייליגע ווערטער, און מ'זאל קענען טוהן גוטע זאכען.